# YIDDISH
# ייִדיש

## דער קלויסטער צום הייליקן צלם

“Rude” אָדער “Rood” איז אַן אַלט–ענגליש וואָרט וואָס באַטײַט דעם צלם פֿון דער קרייציקונג ישוס.

דער ערשטער קלויסטער אויפֿן דאָזיקן אָרט איז געגרינדעט געוואָרן פֿון דעם מלך דוד דעם ערשטן אין 1129, אָבער שוין אין 1406 איז ער דורך אַ שׂרפֿה צעשטערט געוואָרן. קורץ נאָך דעם האָט דער קעניגלעכער אוצרער פֿון שאָטלאַנד געגעבן אַ סובווענץ כּדי מע זאָל בויען אַ נײַעם קלויסטער, און דער צענטראַלער דורכגאַנג (nave), דער דורכגאַנג אויף דער דרום–זײַט, און דער טורעם זענען אַרום 1414 פֿאַרטיק געוואָרן. דער דאָזיקער טייל פֿון קלויסטער, מיט זײַנע קײַלעכדיקע זײַלן (וואָס טיפּיזירן די שאָטישע אַרכיטעקטור), מיט זײַנע גאָטישע בויגנס און זײַן סטעליע פֿון דעמבן–האָלץ, זעט הײַנט אויס כּמעט אַזוי ווי אין דער צײַט פֿון זײַן געבויט–ווערן.

ווײַל דער קלויסטער איז ניט געווען גענוג גרויס פֿאַר דער קהילה, האָט מען צווישן 1507 און 1546 געבויט דעם מזרח–טייל (choir). אָרטיקע בעל–מלאָכות אונטער דער גאונישער אָנפֿירונג פֿונעם מוליער–מײַסטער דזשאָן קוטס האָבן דורכגעפֿירט די דאָזיקע אַרבעט.

צוליב אַ מחלוקת אין 1656 צווישן די צוויי פּאַסטאָרן און זייערע אָנהענגערס, האָט דער שטאָט–ראָט געלאָזט בויען אַ מויער דאָרטן, וווּ ס'געפֿינט זיך איצט די קרייצונג; אַזוי אַרום זענען אַנטשטאַנען צוויי קהילות: דער מזרח–קלויסטער און דער מערבֿ–קלויסטער. יעדער פֿון זיי האָט געהאַט אַן אייגענעם פּאַסטאָר. אָט די סיטואַציע האָט געדויערט ביז 1935, ווען די צוויי קהילות האָבן זיך פֿאַראייניקט אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון אַן איינציקן פּאַסטאָר.

בעת די יאָרן 1936–1940 איז אַ גרונטיקע רעסטאַווירונג פֿונעם בנין דורכגעפֿירט געוואָרן. מען האָט אַוועקגענומען די מויער, פֿאַרלענגערט די צוויי קורצע דורכגאַנגען אויף ביידע זײַטן – (

(transepts – געבויט דעם אויסגעבויגענעם דאַך פֿון דער קרייצונג, און העכער געמאַכט די פּאָדלאָגעס פֿונעם שטך, וואָס ווערט באַוויינט פֿונעם כאָר און דעם פּאַסטאָר (chancel און choir). אַחוץ דעם האָט מען געבויט חדרים פֿאַר די רעליגיעזע מלבושים און הייליקע כּלים און אַ זיצונגסצימער פֿאַר דער אָנפֿירערשאַפֿט אונטער דער פּאָדלאָגע פֿונעם מזרח-טייל.

צווישן 1965 און 1968 האָט מען דורכגעפֿירט ווײַטערדיקע רעסטאַווירונגס-אַרבעטן: די דעקאָראַטיווע שטיינערנע ראָמען פֿון עטלעכע פֿענצטער זענען באַנײַט געוואָרן; מען האָט פֿאַרביטן אַ סך צעפֿאַלענע שטיינער און באַנײַט דאָס געפֿילעכץ צווישן די שטיינער; מען האָט אויך אינסטאַלירט אַ נײַע הייץ-סיסטעם. אין 1970 האָט מען אויפֿס נײַ אָפּגעגאָסן און אויפֿגעהענגט די 6 גלאָקן אינעם טורעם. איצט קען מען זיי לאָזן קלינגען אָדער דורך מעכאַניק, אָדער מיט דער האַנט. צווישן 1987 און 1993 האָט מען ווידער דורכגעפֿירט אַ גרעסערן רעמאָנט פֿונעם קלויסטער, וואָס האָט געקאָסט 1,250,000 פֿונט סטערלינג.

מיירי, קעניגין פֿון שאָטלאַנד, האָט מתפּלל געווען אין דעם דאָזיקן קלויסטער, און דזשאָן נאָקס האָט געפּריידיקט דאָ. מייריס זון, דזשיימס דער זעקסטער פֿון שאָטלאַנד, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דזשיימס דער ערשטער פֿון ענגלאַנד אין 1603, נאָך דער פּטירה פֿון דער מלכּה עליזאַבעט, איז עופֿלווײַז געקריינט געוואָרן אָט דאָ, דעם 29סטן יולי 1567. דאָס הייסט, אַז פֿון אַלע קלויסטערס אין גרויס-בריטאַניע ווו מען האָט אָפּגעריכט אַ קריינונג, איז אונדזער קלויסטער דער איינציקער, אַחוץ דעם לאָנדאָנער וועסטמינסטער אַביי, אין וועלכן רעגולערע גאָטסדינסטן ווערן געפּראַוועט ביזן הײַנטיקן טאָג .

**זײַט אַזוי גוט, לאָזט איבער דאָס בלעטל דאָ אין קלויסטער**

tom.buchanan@talktalk.net www.holyrude.org